**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/05/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**ביים צוקונפטיגע ענערגיע עקאנאמיע סאמיט, גאווערנער האקול רופט פאר פארגעשריטענע ריינע ענערגיע טעכנעלאגיעס צו שפילן א שליסל ראלע אין שטיצן באנייענדע ענערגיע וואקס און עקאנאמישע אנטוויקלונג**

***אויסגערעכנט קומעדיגע שריט נאכצוקומען וואקסענדע ענערגיע געברויך מיט דיספעטשעבל עמיסיע- פרייע רעסארסן און ווייטערדיגע באנוצונג פון באנייענדע***

***שטיצט ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע 'נול עמיסיעס ביז 2040' פאראהאנדלונגען און ארבעט פון די סטעיט ענערגיע פלאנירונג באורד***

ביים צוקונפטיגע ענערגיע עקאנאמיע סאמיט געהאלטן אין סיראקיוז, גאווערנער קעטי האקול האט היינט גערופן פאר פארגעשריטענע ריינע ענערגיע טעכנעלאגיעס צו שפילן א שליסל ראלע אין שטיצן באנייענדע ענערגיע וואקס און עקאנאמישע אנטוויקלונג. די סאמיט האט אויסגערעכנט די קומעדיגע שריט געדארפט צו פלאנירן פאר וואקסענדע ענערגיע געברויך וועלכע קען שטיצן די סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארשנעלערן פארשריט צו א נול-עמיסיע עלעקטריציטעט סיסטעם.

"נניו יארק בויט א ריינע ענערגיע עקאנאמיע וועלכע האדוועט וואוקס, געניאליטעט און באנוצט זיך מיט טעכנעלאגיעס וועלכע וועלן פארמינערן אונזער קארבאן פוסטריט," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "פון שאפן די מערסט ערפארלגרייכער אינמיטן-ים ווינט אינדוסטריע אין די לאנד צו אונזער אינוועסטירונגען אין א נאכהאלטענדע עקלעקטריציטעט גריד, אונז זענען פארפיכטעט צו זיין א נאציאנאלע פירער אין באשיצן אונזער קלימאט - און אונז וועלן זיך נישט אפשטעלן איז אונז האבן געשאפט די בעסטע מעגליכע צוקונפט פאר אונזער קינדער."

דריי זאכן אוועק צו נעמען פון די סאמיט רעכענען אריין די געברויך צו פריאריטיזירן ווייטערדיגע פאקוס אויף בויען ניו יארק'ס באנייענדע ענערגיע גריד צו קענען ארויסנעמען די געזונטהייט, ענווייראמענטאלע און עקאנאמישע בענעפיטן רעסארסן ווי ווינט און סאלאר שטעלן צו; צו ברענגן פרישע אויפמערקזאמקייט צו טעכנעלאגיע פארש, מארקעט אנטוויקלונג און קאמערשיעל דעמאנסטרירונג פון נייע און עקזיסטירענדע דיספעטשעבל עמיסיע-פרייע רעסארסן צו שטיצן א פאראנטווארטליכע, שטאנדהאפטיגע און צוגענגליכע באנייענדע גריד פאר די סטעיט'ס פארברייטענדע עקאנאמיע; און צו אידענטיפיצירן, אויסנוצן און מאקסימיזירן די מעגליכע פעדעראלע פינאנצירונג געלעגנהייטן, צוגעשטעלט דורך דיביידען-העריס אדמיניסטראציע און פאליסי אנטוויקלונג פארשלאגען צו ווייטער שטיצן עקאנאמיע וואקס סטראטעגיעס.

נוצענדיג איינזיכטן פארדינט דורכאויס די סאמיט, די סטעיט וועט באשעפטיגן די אינדוסטריע צו אינטערנעמען די פאלגענדע קומעדיגע שריט:

- פארענדיגען די אנגייענדע פובליק סערוויס קאמיסיע איבערזיכט אויף די סטעיט'ס איבערגרייפענדע גרויסע-מאס באנייענדע ענערגיע פראגראם, באקאנט אלץ די ריינע ענערגיע סטאנדארט (Clean Energy Standard, CES) ביז אנהייב 2025 און פאראויסשטיפן שליסל שריט צו פארשנעלערן און פארברייטערן ניו יארק'ס גרויסע-מאס באנייענדע ענערגיע אינדוסטריע, פאקוסירענדיג אויף דיפלוימענט צילן, אינטערפארבינדונג רעפארמען און די צייטליכע איינפירונג פון די RAPID אקט פאר פארשנעלערטע ענוויראמענטאלע איבערזיכטן און ערלויבענישן פון הויפט באנייענדע ענערגיע און עלעקטריציטעט טראנסמיסיע פאציליטעטן;
- מאקסימיזירן דאס אויסנוץ פון פעדעראלע פראגראמען דורך זיך איינשרייבן פאר רעלעוואנטע פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און קומעדיגע גענעראציע עמיסיע-פרייע ענערגיע טעכנעלאגיע פלאנירונג און דיפלוימענט;
- פאראויס ריקן פובליק סערוויס קאמיסיע שריט אויף די אויסשטייענדע 'נול עמיסיעס ביז 2040' פארהאנדלונג וועלכע פארשט אויס טעכנאלאגיעס וועלכע שטיצן די 2040 זערא-עמיסיעס עלעקטריציטעט סיסטעם ציל אוועקגעשטעלט דורך ניו יארק'ס קלימאט אקט.
- צאמנעמען אינדוסטריע ריאקציעס אויף די דרעפט נאקלעארע טעכנעלאגיעס בלויפרינט, געטראפן דא, און פארענדיגען די דרעפט בלויפרינט ביז די ענדע פון די יאר; און
- פארזיכערן אז די קומעדיגע סטעיט ענערגיע פלאן, אנטוויקללט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פלאנירונג באורד לעצטנס געראפן דורך גאווערנער האקול, טוט פאסיג באטראכטן די ראלע פארגעשריטענע עמיסיע-פרייע טעכנעלאגיעס קענען שפילן אין די סטעיט'ס זיך ציען צו א שטארק באנייענדע עלעקטריציטעט גריד און קאפיטיליזאציע פון פראגראמען וועלכע וועלן פארברייטערן די סטעיט עקאנאמיע.

די סאמיט, באטייליגט דורך איבער 600 מענטשן סיי פערזענליך און סיי ווירטואל, איז געראפן געווארן אויף די אנווייזונג פון גאווערנער האקול צו אדורכטוהן סטראטעגיעס צו פארשנעלערן די דיפלוימענט פון באנייענדע ענערגיע און שטודירן די ראלע פון קומעדיגע גענעראציע עמיסיע-פרייע טעכנעלאגיעס וועלכע זענען געדארפט צו שטיצן עקאנאמישע וואקס און ערריכגן די קלימאט אקט ציל פאר א שטארק דיקארבאניזירטע ענערגיע גריד. די גאווערנער האט אויפגענומען ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) באורד טשעיר, ריטשערד קאופמאן, צו דינען אלס טשעיר פונעם סאמיט מיטביישטייערונגען פון פירערשאפט און איינגעשטעלטע פון NYSERDA, די דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS), עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), ניו יארק פאוער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA), דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH), דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) און לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor, DOL).

**NYSERDA בארד טשעיר ריטשארד קאופמאן האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו די אינסוסטריע פירער און עקספערטן וועלכע האבן מיטגעטיילט זייער איינזיכטן ביי די סאמיט אין שטיצע פון די סטעיט'ס פארפליכטונגג צו א ריינע ענערגיע אריבערגאנג וועלכע וועט ברענגן די וואקס פון דשאבס, ביזנעס און אינדוסטריע צו די סטעיט. ווען אונז נעמען אין באטראכט די געדאנקען און ריקן זיך פאראויס אנגעוויזן דורך די שליסל טריט, אונז בלייבן פארפליכטעט צו זיין א ביישפיל פאר אנדערע סטעיטס אין פארשנערן פאראויסרוקן די רעסארסן געדארפט צו עררייכן א נול-עמיסיע גריד."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "די צייטליכע צאמזעצען פון די גרופע פון עקספערטן מיט פארשידענארטיגע היטערגרונדען און ערפארונג האט צוגעשטעלט א געלעגנהייט צו דיסקוסירן און אדורך טוהן גינסטיגע קומעדיגע גענעראציע טעכנעלאגיעס וועלכע קענען

שטיצן ניו יארק'ס אימער-וואקסענדע ריינע ענערגיע עקאנאמיע. די קומעדיגע שריט שטעלן זיך צאם מיט אינוועסטירונגען און פריאריטעטן אונז זעהן ביי די פעדעראלע שטאפל וועלכע מאכט די קומעדיגע שריט און סטראטעגיעס קריטיש צו סוקסעספול איסנוצן צוקונפטיגע פינאנצירונג געלעגענהייטן צו פארזעצן אונזער פארשריט."

די ארבעט בויט אויף די פאראייניגטע שטאטן דיפארטמענט פון ענערגיע "ליפטאף" באריכטן, וועלכע דעטאלירן די געברויכן און וועגן נויטיג צו ברענגען די סוויטע פון עמיסיע-פרייע ענערגיע טעכנעלאגיעס צו קאמערשעלייזעישען. די סאמיט ארבעט אויך צוזאמען מיט די לעצטיגע [ווייסע הויז סאמיט אויף דאמעסטישע נוקלעאר באנוץ](#) אפגעהאלטן אין מאי וואס האט אונטערגעשטרייכט די פארשריט וואס ווערט געמאכט דורכאויס די פובליק און פריוואטע באפעלקערונגען אויף וויאזוי צו אנהאלטן דאס באנוץ פון עקזיסטירנדע נוקלעאר איינריכטונגען, נוצן נייע נוקלעאר טעכנאלאגיעס, אוועקשטעלן די פראצעדור פאר פאראנטווארטליך אויפשטעלן נייע רעאקטערס, און בויען שטארקע סופליי טשעינס און ארבעטסקראפט.

אין צוגאב, NYSERDA און DPS- באשטעלטע טעכנעלאגיע און עקאנאמישע שטודיעס טוהן אינפארמירן און צוגעבן צו די סטעיט'ס באטראכטונגען פון קומעדיגע גענעראציע ענערגיע אנטוויקלונג צו אנאלאזירן די פארשידענארטיגע גענעראציע טעכנעלאגיעס וועלכע קענען שפילן א ראלע אין א דיקארבענייזד עקענאמיע. די טעכנעלאגיע אפציעס גיין פון שטאנדהאפטיגע ענערגיע האלטונג טעכנאלאגיעס צו גריד-פארמירונג אינווערטערס ביז קליינע מאדיולער נוקלעאר רעאקטערס.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס CEO רארי מ. קריסטיען האט געזאגט,** "די סאמיט, גערופן דורך גאווערנער האקול, האט פאקוסירט וויכטיגע געוויכט אויף ריינע ענערגיע און עקאנאמישע אנטוויקלונג. די דיפארטמענט קוקט ארויס צו מיטארבעטען מיט אנדערע אגענטורן און אנדערע סטעיקהאלדערס אויף די אנטוויקלונג פון קומעדיגע גענעראציע טעכנעלאגיעס און צו ווייטער פארברייטערן באנייענדע ענערגיע אין ניו יארק סטעיט."

**עמפייר סטעיט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער האופ נייט האט געזאגט,** "ווען ניו יארק ארבעט צו פראמאטירן די פארברייטערטע באנוץ פון באנייענדע ענערגיע, גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע ארבעט צו אדרעסירן די פראבלעמען צו וואס ביזנעסער און זענען איסגעשטעלט און די וואקסענדער ענערגיע פארלאנגען. דורך ארגענעזירן דעם סאמיט צו אריינרעכענען פאבליק און פריוואטע סטעיקהאלדערס, ניו יארק סטעיט קען בעסער אפשאצן איר סוקסעסן און מאכן סטראטעגישע פארבעסערונגען צו פארזיכערן אז אונז קומען נאך אונזערע צילן ווען שטיצן נאכהאלטיגע עקאנאמישע וואקס."

**ניו יארק קראפט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דשאסטין א. דריסקאל האט געזאגט,** "די צוקונפטיגע ענערגיע עקאנאמיע סאמיט האט צוגעשטעלט א פלאטפארמע פאר גלאבאלע אינדוסטריע פירער צו דיסקוסירן און אדורך טוהן די דיפלוימענט פון ריינע ענערגיע גענעראציע צו עררייכן א קארבאן-פרייע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט. געטריבן דורך א פארפליכטונג צו פארשטערקערן די סטעיט'ס באמיהונגען, NYPA טוט פאראויס ריקן באנייענדע ענערגיע גענעראציע ביי מאס און איסנוצן איר עקספערטיז צו ארויסגעבן נייע טעכנעלאגיעס וועלכע וועט הייבן די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק'ס גריד ווען אויך פארמינערן די סטעיט'ס קארבאן פוסטריט."

**ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון ענוויראמענטאל קאנסערוואציע צייטווייליגע קאמיסיאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט איינפירן א גרינטליכע סוויטע פון פאליסיס, פראגראמען און אינוועסטירונגען צו העלפן עררייכן אונזער הויכגעשטעקטע צילן צו פארמינערן קלימאט-טוישענדע גרינהויז גאז עמיסיעס, העכערן ריינע ענערגיע קוואלן און פאראויסריקן קלימאט אייניגקייט דורך

אינוועסטירן אין די געמיינדעס מערסט אפעקטירט דורך אונזער טוישענדע קלימאט. היינט, גאווערנער האקול, סטעיט ענערגיע פירער און פובליק און פריוואטע סעקטאר עקספערטן פון איבער די לאנד טרעפן זיך צו טרייבן די ארבעט דורך אויסשטעלן א וועג צו נאכקומען ניו יארק'ס וואקסענדע ענערגיע פארלאנג ווען אונז זעצן פאר צו ארבעטן צו עררייכן א נול-עמיסיע עלעקטריציטעט סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר דשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "אדאפטירן צו און פלאנירן פאר קלימאט טויש און עקסטרעמע וועטער'ס ווירקונג אויף פובליק געזונטהייט איז א פריאריטעט פאר די דיפארטמענט פון געזונטהייט. מיר קוקן ארויס צו הערן פון אינדוסטריע פירער און סטעיקהאלדערס אויף זייער געדאנקען פאר אויסנוצן באנייענדע ענערגיעס וועלכע וועלן ענדגילטיג העלפן באשיצן דאס געזונטהייט פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנער ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "איך אפלאודיר גאווערנער האקול פארן אויסנוצן די מאמענטום פון די אינאווירענדע סאמיט צו פאראויס ריקן אונזער פירערשאפט אין די באנייענדע ענערגיע סעקטאר. איך דאנק אויך די פולע עקספערטן און סטעיקהאלדערס פארן אונז אנבאטן זייער וויסנשאפט און איינזיכט אזוי אז אונז קענען ווייטער סטראטעגיש וואקסן קאריערעס און טרענירונג געלעגנהייטן צו שטיצן ניו יארק סטעיט'ס גרינע עקאנאמיע."

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט די סטעיט גענומען עטליכע שריט צו שטערקער מאכן ענעריגע שטארקייט, פארלעסליכקייט, און ביליגקייט צו שטעלן ניו יארק אויף א וועג צו פארמינערן פארלעסליכקייט אויף פאסיל פיולס. טייל פון די לעצטיגע שריט נעמען אריין בארעכטיגונג פאר ענערגיע האלטונג פראגראמען צו אנקומען צו [6 גיגאוואטס (gigawatts, GW) פון ענערגיע סטארעדזש ביז 2030](), עפענען א [סטעיט-ברייטע שון פאר אלעמען פראגראם](), עפענען א [גריד פונעם צוקונפט פארהאנלדונג]() וואס לייגט געוויכט אויף געצילטע דעוועלאפמענט פון בייגזאמע ריסאורסן צו בעסער מאכן גריד שטארקייט, און ווייטערדיגע אנטוויקלונגען פון באנייענדע ענערגיע טעכנאלאגיעס, אריינגערעכנט די לעצטיגע [פארענדיגונג פון די סאוט פארק ווינד וואסער ווינט פארם](), אנהויבן אויפבויען עמפייער ווינט 1 און [אנהויבן בויען]() סאנרייס ווינט.

**ניו יארק ליגע פון קאנסערוואציע וויילער פרעזידענט דשולי טייע האט געזאגט,** "צו אריבערפירן אונזער גאנצע עקאנאמיע פון איינס וועלכע לויפט אויף פאסיל פיועלס צו איינס וועלכע לויפט אויף ריינע ענערגיע איז די גרויסע פראבלעם פון אונזער צייט און איינס וועלכע פארלאנגט א מיטארבעט פון יעדעם איינעם צוגאנג. אונז אפלאודירן גאווערנער האקול פארן שאפן די פלאץ פאר אינדוסטריע פירער, פאליסי עקספערטן און באשליסער זיך צאמצוקומען צו פאראויסזעהן וואס עס איז געדארפט- פון טעכנעלאגיע צו רעגולאציע צו אינוועסטירונגען, אפצוהאלטן די ערגסטע ווירקונגען פון קלימאט טויש און פארזיכערן א ריינע ענערגיע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**אליאנץ פאר ריינע ענערגיע ניו יארק עקזעקעטיווע דירעקטאר מארגועריט האט געזאגט,** "אונזער סטעיט'ס קלימאט געזעצן דעדליינס פון 2030 און 2040 קומען שנעל, און אונז אפלאודירן גאווערנער האקול אויף פאראויסטראכטן צו פארזיכערן ניו יארק איז אויף א וועג צו 100% עמיסיע-פרייע ענערגיע. אינאוואציע אין עקזיסטירענדע און נייע טעכנאלאגיעס וועט זיין שליסל צו אונזער צוקונפט, און ניו יארק איז אויסגעשטעלט צו נאכאמאל זיין א פירער אין דעם פלאץ."

**ניו יארק סטעיט געביידע האנדלונגען פרעזיגענט גערי לאבארבערא האט געזאגט,** "די היינטיגע צוקונפטיגע ענערגיע עקאנאמיע סאמיט איז געגאנגען א לאנגע וועג אין אידענטיפיצירן די געצייג אונז וועלן דארפן צו נעמען אונזער באנייענדע ענערגיע פראגראם צו די קומעדיגע שטאפלל און ווייטער אויפשפארן די עקאנאמישע געלעגנהייטן און פאמיליע-אויסהאלטענדע יוניאן קאריערעס עס שאפט. אין

צייט וואס מיר זעצן פאר צו זוכן גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע שטופן אונז אין ריכטונג פון אונזער סטאנדארט-באשטימענדע ריינע ענערגיע צילן און פלאסטערן אויס צוטריטליכע וועגן פאר די מיטל קלאס, איז וויכטיג אז מיר זעצן פאר צו אויפדעקן נייע און ווירקזאמע וועגן אויף צו נוצן די אינציאטיוון. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול און NYSERDA פארן אנגרייטן די באדען פאר די וויכטיגע שמועסערייען און מיר קוקן ארויס צו שפילן א ראלע אין אויספירן די קומעדיע שריט וועלכע וועלן ענדגילטיג פארבעסערן אונזער ענווייראמענט און די לעבנס פון ניו יארקער פאר גענעראציעס צו קומען."

**אינדיפענדענט קראפט פראדוצירער פון ניו יארק פרעזידענט און CEO געווין דש. דאנאהו האט געזאגט,** "IPPNY קאמענדירט די גאווערנער פארן צאמזעצן די וויכטיגע עווענט צו ווייטער אדורך טוהן די ראלע פון קומעדיגע גענעראציע טעכנעלאגיעס וועלכע וועלן פירן די סטעיט'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. ניו יארק'ס גענעראטורן האבן אייביג געשטיצט א ריינע ענערגיע אריבערגאנג, און אונזער מעמבערס זענען ווייטער גרייט צו אינוועסטירן אין נייע רעסארסן ווען געלעגנהייטן ווערן פאראנען."

**פאראייניגטע פארבאנד פון דשורנימען און אפרענטיסעס פון די פלאמינג און פייפפיטינג אינדוסטריע פון די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדא אינטערנאציאנאלע פארשטייער דשאן מורפי האט געזאגט,** "ניו יארק שטייט ביי א שליסל מאמענט וואו דרייסטע באשלוסן מוזן געמאכט ווערן צו נאכקומען סיי די ענערגיע און די באשעפטיגונג געברויכן פון אונזער סטעיט. מיט די פובליק סערוויס קאמיסע אנערקענען נייע נוקלעארע, ריינע הייד
ראדשען, און טערמאלע ענערגיע נעטווארקס אלץ טייל פון די באנייענדע ענערגיע פאמיליע, אונז קענען אויפשפארן ביליאנען אין פעדעראלע פינאנצירונג צו בויען די אינפראסטרוקטור געדארפט פאר א ריינע ענערגיע צוקונפט. די פעיגע האנדלער זענען גרייט צו פארזיכערן אז די פראיעקטן שטעלן צו גוטע דשאבס און פאראנטווארטליכע ענעריגע פאר גענעראציעס צו קומען, און מיט גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, אונז קענען אנכאפן די געלעגנהייטן צו מאכן עכטע פארשריט."

**מיטארבעט פאר ניו יארק סיטי פרעזידענט און CEO קאטארין ווילדע האט געזאגט,** "די גאווערנער'ס סטראטעגיע פון באשעפטיגען פובליק און פריוואטע סעקטאר עקספערטן צו אפמאכן ווי אזוי ניו יארק קען עררייכן א נול עמיסיע עקאנאמיעאיז קלוג און וועט פארזיכערן אז ניו יארק טוט ערפאלגרייך נאוויגירן די טראנזיציע."

**געביידע און אויפבוי האנדל קאונסיל פון נאסאו און סופאלק קאונטיס פרעזידענט מעטיו אראכוטש האט געזאגט,** "NYS גאווערנער קעטי האקול האט זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע וועלכע נעמט אונז אראפ די וועג ווען אונז שטרעבן צו שאפן א נול קארבאן פוסטריט. ארומנעמען די נייעסטע גרינע טעכנעלאגיעס איז די שנעלסטע און מערסט אפעקטיווע וועג צו שאפן א נאכהאלטיגע עקאנאמיע און פארשטערקערן די קלוגסטע קעפ אונז האבן פארצושטעלן. צוליב די גאווערנער'ס פירערשאפט אין די פלאץ, אונז זענען קאנפידענט אז ווען די נייע טעכנעלאגיעס קאמערשילייזן, צוזאמען אונז וועלן שאפן גוטע, פאמיליע-אויסהאלטענדע יוניאן קאריערעס אט דא אויף לאנג איילענד און איבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט

רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו ערלייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן